במילא וויבאלד אז שמיטת קרקעות איז "קדוש יותר" - ווערט ער נתבאר פריער, איידער ער איז מבאר שמיטת כספים. אין שמיטת כספים גופא, זיינען דא כו"כ דינים וואס ער ברענגט בתחלת פרק האחרון פון שביעית.

אין די לעצטע צוויי משניות, איז ער מבאר ווי איז דער דין אויב איימיצער וויל אומקערן א חוב בשביעית - "המחזיר חוב בשביעית", און אויף דעם זאגט ער, פריער ווי אזוי דארף זיין די הנהגה, אז דער מלוה דארף אים זאגן "משמט אני", און "אם אמר לו אף על פי כן", אז אע"פ וואס ער זאגט אז מצד דעם מלוה איז ער משמט, אעפ"כ וויל אים דער לוה דאס אפגעבן - מעג ער דאס נעמען, "שנאמר וזה דבר השמיטה", במילא ברענגט ער אויך - דרך אגב - א צווייטן ענין עד"ז, אז אויב א רוצח איז געקומען אין אן "עיר מקלט", און מען וויל אים אפגעבן כבוד - דארף ער זאגן "רוצח אני", און אויב מען האט אים געזאגט אז "אף על פי כן", וויל מען אים אפגעבן כבוד, איז דעמאלט מעג ער אויפנעמען דעם כבוד, "שנאמר וזה דבר הרוצח".

דערנאך זאגט ער - אין דער לעצטע משנה, א צווייטן ענין אין "המחזיר חוב בשביעית", אז דעמאלט איז "רוח חכמים נוחה הימנו", און וויבאלד אז ער ברענגט שוין דעם ענין פון "רוח חכמים נוחה הימנו", ברענגט ער נאך ענינים וואס "רוח חכמים נוחה הימנו".

עד"ז דאס וואס "מטלטלין נקנין במשיכה", און אע"פ וואס עס איז ניט געווען קיין משיכה, אעפ"כ איז ער "עומד בדיבורו" - איז "רוח חכמים נוחה הימנו", ובינתיים - צווישן די צוויי דינים - שטעלט ער אריין א דריטן ענין וואס "רוח חכמים נוחה הימנו", אז דער וואס האט געליען פון א גר, וואס דעמאלט, בשעת ער איז זיך מתגייר, און ער האט קינדער וואס זיינען ניט געבארן געווארן לאחרי הגירות, ניט הורתם ולידתם לאחרי הגירות - איז דאך דעמאלט ע"פ דין זיינען זיי ניט קיין יורשים - דארף ער ניט אומקערן ליורשי הגר, לבני הגר, - אויב אבער ער האט אומגעקערט, איז אט דעמאלט "רוח חכמים נוחה הימנו".

וואס בפשטות - ווי קומט דא א דין פון רוצח, וואס דארף גאר שטייען אין מכות, איז בפשטות, כמדובר - וויבלאד אז דאס זיינען צוויי ענינים וואס "וזה דבר" - אז ער דארף זאגן "משמט אני", און ער דארף זאגן "רוצח אני", במילא שטעלט מען זיי צוזאמען.

עד"ז שטעלט מען צוזאמען די דריי ענינים פון "רוח חכמים נוחה הימנו", ווי מ'געפינט דאס לכאו' כמה פעמים בש"ס.

אעפ"כ, וויבאלד אז קיין ענין איז ניט במקרה, מוז מען זאגן, אז דאס האט עפעס א שייכות, ואדרבה - אט דאס וואס האט א שייכות צווישן זיך, איז דערפאר ווייל עס האט א "דבר השוה", אדער ווייל "רוח חכמים נוחה הימנו", אדער ווייל ער דארף זאגן "משמט אני" "רוצח אני".

אויך - וואס איז דא דער סדר אין "רוח חכמים נוחה הימנו": ער זאגט דא דריי זאכן, בשעת מען זאגט בא דעם ענין פון "וזה דבר" - אז ער דארף זאגן מערניט ווי צוויי זאכן, איז פארשטאנדיק, אז פריער דארף ער זאגן דעם דין פון שביעית, ווייל דאס רעדט זיך במס' שביעית, און ערשט דערנאך קומט דער ענין פון דעם וואס קומט אין עיר מלקט.

וואס איז דער סדר פון "רוח חכמים נוחה הימנו" - פריער זאגט ער בנוגע צו א הלואה לגר וואס האט ניט קיין שייכות צו שביעית, דערנאך זאגט ער דעם ענין פון מכירה, אז "מטלטלין נקנין במשיכה", וואס פונקט אזוי ווי בא א הלואה לגר - צי מ'זאל אפגעבן די יורשים - האט דאס א צד השוה מיט דער הלואה פון שביעית, האט ער אויך דער צד השוה מיט דעם ענין פון "מטלטלין נקנין במשיכה", וואס דא רעדט זיך וועגן דעם זעלבן מענטשן: דער "רוח חכמים נוחה הימנו", בא גר, דאס רעדט זיך

וועגן דערנאך אפגעבן צו יורשי הגר, משא"כ אין שביעית - דאס רעדט זיך וועגן אפגעבן דעם זעלבן מענטשן.

משא"כ אין "מטלטלין נקנין במשיכה", און אויב עס איז ניט געווען קיין משיכה, און אעפ"כ איז ער "עומד בדיבורו" - און גיט עס אים אפ - דאס רעדט זיך וועגן דעם זעלבן מענטשן מיט וועמען עס איז געווען התחלת הענין.

איז דאך דא א טעם פארוואס מען זאל פריער אריינשטעלן דעם ענין פון "מטלטלין נקנין במשיכה", און ערשט דערנאך - אריינשטעלן דעם ענין פון הלואה לגר, מצד דעם צד השוה ביניהם - אז דאס איז דער זעלבער מענטש.

בשעת עס איז דא אן ענין פון הלואה - זיינען דא אין דעם דריי ענינים: ס'איז דא דער מלוה, דערנאך איז דא דער לוה, און דערנאך איז דא די הלואה, דאס וואס מען לייט - די געלט.

בשעת עס איז דא א הלואה, און דערנאך זאגט ער אים "משמט אני", און אעפ"כ איז ער מחזיר די הלואה, איז דעמאלט דא די אלע דריי ענינים: ער האט א תועלת, וואס בשעת ער איז מחזיר די הלואה - אע"פ וואס יענער האט געזאגט "משמט אני", ווייל דאס איז "בירא דשתית מיני'", דאס איז א איד פון וועמען ער האט געהאט א טובה, ער האט אים געליען בעת דחקו.

במילא איז פארשטאנדיק פארוואס "רוח חכמים נוחה הימנו", ווארום דער מלוה - וועט בא אים פעלן די געלט, דער לוה האט געהאט א טובה פון דעם מלוה, איז עכ"פ דארף ער משלים זיין דעם חסרון, איז פארשטאנדיק פארוואס "רוח חכמים נוחה הימנו", ווארום מען דארף ניט אנקומען צו דער טעם - "בכדי שלא תנעול דלת בפני לוין".

וואס אויף דערויף זיינען דא מפרשים וואס פרעגן: פארוואס איז טאקע "רוח חכמים נוחה הימנו", וויבאלד אז ע"פ תורה, ווען ער זאגט "משמט אני" איז בטל דער ענין פון "פריעת חוב - מצוה", ביז וואנעט אז אפילו ווען ער קומט אים געבן די געלט, זאגט אן תורה אז ער דארף אים זאגן "משמט אני" - איז לכאו', פארוואס טאקע "רוח חכמים נוחה הימנו"?

מ'קען ניט זאגן - ווי אנדערע מפרשים - אז די סיבה איז ווייל דעמאלט בלייבט דער ענין פון פריעת חוב - מ'קען ניט זאגן אז ס'בלייבט דער ענין פון פריעת חוב, ווייל תורה האט געזאגט אז "שמוט כל בעל משה ידו".

נאכמערער: אויב עס בלייבט דעמאלט דער ענין פון פריעת חוב, איז א שאלה צי דאס איז דאורייתא, צי דאס איז א דרבנן - אבער ס'איז זיכער, אז דאס איז א סאך מערער ווי "רוח חכמים נוחה הימנו".

בפרט נאך לויט דעם וואס די גמ' זאגט, אז בשעת ער גיט אים (די געלט) דארף ער אים זאגן אז ער גיט עם בתור מתנה, האט זיך דאס דעמאלט זיכער קיין שייכות ניט צו פריעת חוב.

משא"כ לפי ביאור זה - אז פארוואס איז "רוח חכמים נוחה הימנו", ווארום דא איז דא דער "בירא דשתית מיני'", וואס דער איד, דער מלוה האט אים געטאן א טובה, וואס דאס איז בנוגע צו דער מלוה.

א צווייטע זאך: ער קען ניט זיין זיכער עס קען זיין אז שפעטער - וועט ער ווייטער דארפן בא אים לייען.

ובמילא, איז דעמאלט באווארנט דאס דאז ער זאל קענען צו אים קומען לאחר זמן, און זאגן, וויבאלד אז בא יענער הלואה האט גארניט ניט געפעלט באם מלוה - בעט ער בא אים נאכאמאל א הלואה.

ס'איז אבער שווער צו קומען צו גייען בשעת יענע הלואה האט ער ניט אפגעגעבן - מצד טבע בני אדם, אמת אז תורה האט אים באפרייט, אבער בא דעם מלוה פעלט דאך די געלט און ער האט פון די געלט הנאה געהאט, און איצטער בעט ער נאכאמאל א הלואה.

ד.ה. מצדביידע - סיי מצד דעם מלוה איז דאס אן ענין וואס עס דארף זיין "רוח חכמים נוחה הימנו", ווייל אויב א איד האט ארויסגעהאלפן א צווייטען איד - דארף בא אים ניט פעלן, במילא איז "רוח חכמים נוחה הימנו", דער לוה באווארנט אז באם מלוה זאל ניט פעלן דערפאר וואס ער האט געטאן א מצוה, די מצוה פון "אם כסף תלוה את העני עמך", וואס דאס איז א מצוה מן התורה.

עד"ז איז אויך דא אן ענין באם לוה, אז ער איז מחזיר ההלואה, אע"פ וואס עס איז שביעית, ווארום, כאמור, עס קען זיין, אז דערנאך בשעת דחקו [אפילו עשיר בשעת דחקו] - וועט ער דארפן אויך אנקומען צו (נאך) א הלואה.

דערנאך איז אויך דא אין דעם ענין פון די הלואה עצמה, ווי דער רמב"ם שרייבט, וואס דאס איז דאך א ביאור, אן ענטפער אויף נאך א שאלה:

לכאו', וויבאלד אז מ'גלייכט צו שמיטת קרקעות און שמיטת כספים, און ווי געזאגט פריער אז אויף "וזה דבר השמיטה שמוט", איז "אמר רבי בשתי שמיטות הכתוב מדבר שמיטת כספים ושמיטת קרקעות" -

איז פונקט אזוי ווי בי שמיטת קרקעות - איז ניט שייך זאגן אז דאס איז אן ענין של רשות, אז אויב ער וויל קען ער אומקערן, און אויב ער וויל ניט - קערט ער ניט אום, ער טאר ניט אומקערן, ווייל דאס איז שנה השביעית.

איז לכאו' פונקט אזוי ווי דאס איז בא שמיטת קרקעות, אזוי האט אויך געדארפט זיין ביי שמיטת כספים אז מ'זאל ניט טארן אומקערן?

וואס דאס איז דער רמב"ם מדייק פון לשון המשנה און פון לשון הגמ', אז וויבאלד אז עס שטייט "שמוט כל בעל משה ידו, ולא יגוש את רעהו", וויבאלד אז ער דריקט אים ניט, ער מאנט ניט בא אים - יענער גיט אליין אפ, איז דער דיוק בא שמיטת כספים ניט ווי בא שמיטת קרקעות, אז ס'זאל זיין "ונטשתה", אז ס'זאל זיין "ושבתה הארץ" - די קרקע זאל רוען, אט דא איז דער דיוק, אז ניט ס'זאל ניט זיין דער אומקערן, נאר ס'זאל ניט זיין דער "יגוש".

און וויבאלד אז דער "יגוש" איז ניטא - איז אט דעמאלט דא דער היתר פון "פרוזבול", ועד"ז - אז דער לוה אליין וועט אפגעבן.

וואס דערפאר זאגט ער דאס על הסדר - פריער זאגט ער דעם ערשטן ענין אין שביעית, וואס בא אים דארף זיין דער ענין פון "רוח חכמים נוחה הימנו" מצד די אלע דריי זאכן: מצד דער מלוה, ער האט מקיים געווען א מצוה, דערפאר איז "רוח חכמים נוחה הימנו", און וואס דורך דעם וואס מ'האט אים אומגעקערט - פעלט אים ניט מצד דער מצוה. מצד דעם לוה, בא אים זאגט מען אז "רוח חכמים נוחה הימנו", ווייל עס וועט אים זיין א סאך לייכטער, אויב ער וועט זיין אן עשיר, און ס'וועט זיין בשעת דחקו - אז צו אים זאל ניט זיין דער ענין פון "נעילת דלת", ער זאל קענען בעטן ביי דעם מלוה. מצד די געלט גופא, וויבאלד אז דער דיוק איז מערניט ווי "לא יגוש את רעהו", ד.ה. ניט אז ס'ווערט א שינוי אין די געלט, דער שינוי איז מערניט בנוגע צו דעם יחס צווישן דעם מלוה און דעם לוה, אבער דעם געלט, ד.ה. די שעבוד - אדער ווי מ'זאל דאס נאר רופן - אויף די נכסים, אויף די לוה,

אז ער האט א שעבוד בנוגע צו דעם מלוה, אבער מצד דעם מלוה, דארף אבער ניט זיין דער ענין פון "יגוש".

במילא, איז אין די אלע דריי זאכן, האט אן ארט פארוואס "רוח חכמים נוחה הימנו".

דערנאך זאגט די משנה א צווייטע זאך וואס האט ניט די אלע דריי זאכן: אויב ס'איז דא א "לוה מן הגר", און דערנאך זיינען געבליבן מערניט ווי בניו, אדער בנותיו - ווי ער זאגט אין ירושלמי, דעמאלט איז ניטא דער ענין פון "ביראא דשתית מיני'", דער ענין אז ער האט אים געטאן א טובה, במילא דארף בא אים ניט פעלן, ווארום דער גר איז שוין ניטא,

און דאס איז דער ענין פון "בניו", וואס ע"פ שו"ע זיינען זיי ניט בניו, ווייל הורתם איז דאך געווען נאך קודם שנתגייר, איז ע"י הגירות זיינען זיי "כקטן שנולד דמי".

וואס איז דא אבער פארט - דא איז דא מצד דעם לוה, ער האט באקומען א טובה פון דעם גר, און ער האט עס גענומען אויף זיך על מנת להחזיר, און אמת טאקע די תורה באפרייט עם - אבער, כאמור, די תורה באפרייט אים פון דער ענין פון "יגוש את רעהו", אבער ניט אז דער ענין ווערט אינגאנצן בטל אז ער האט גענומען געלט, לכתחלה, מיט די סברא אז ער וועט עס אפגעבן, און אזוי איז דאך געווען בא אים במוחש.

דערנאך איז דא דער צווייטער ענין וואס איז דא מצד בני הגר, וואס ווי די מפרשים זאגן אז מען וויל באווארענען, אז איידער ער האט זיך מגייר געווען, איז אט דעמאלט "עכו"ם יורש את אביו", משא"כ ע"י הגירות - איז נפסק געווארן זיין שייכות מיט די געלט - קען דאס בא אים פועל זיין א התחזקות אין דעם יצר וואס איז היפך פון יצר הטוב, "חוזר לסורו" וכו'.

איז אט דא בלייבט מערניט ווי צוויי זאכן: די געלט וואס ער האט באקומען, און דער ענין וואס פון דעם קען דאס פועל זיין בא בני הגר, אן ענין פון "לסורו", אבער דאס האט צו אים קיין שייכות ניט - וואס איז ער מער מחוייב דאס באווארענען מער ווי אן אנדערער? אבער ער קען דאס אבער מתקן זיין.

משא"כ אין דעם ערשטן פאל, בא דער הלואה ממעות שביעית, איז דא אין די אלע דריי ענינים א סיבה פארוואס ס'זאל זיין "רוח חכמים נוחה הימנו".

דערנאך איז דער דריטער פאל, דער פאל פון "מטלטלין נקנין במשיכה", דא האט ער אפילו קיין משיכה ניט געטאן, האט ער ניט געהאט קיין טובה פון דעם קונה, און דער קונה האט גארניט ניט געלייגט, ווייל ער גיט אים אפ צוריק די געלט - עס איז מערניט ווי אן ענין פון מניעת הריוח, און "מניעת הריוח" און "דערלייגן" זיינען צוויי באזונדערע גדרים וואס זיינען אינגאנצן שלא בדוגמא זה לזה, כמבואר בכמה מקומות בראשונים ובאחרונים די אלע גדרים שבדבר.

די איינציקע זאך וואס בלייבט דא, אז אין די מטלטלין האט ער באקומען א קשר מיט דעם קונה, בהסכם פון דער מוכר, וואס מצד דעם איז געבליבן דער ענין פון "רוח חכמים נוחה הימנו" מערניט ווי אויף איין זאך.

וואס עפי"ז גייט דאס ע"פ סדר: פריער איז דא אויף "רוח חכמים נוחה הימנו" דריי סיבות.

דערנאך איז די משנה מוסיף א חידוש גדול ביותר, אז אע"פ אז פון די אלע דריי וואס נעמען אין דערויף איינטייל איז געבליבן מערניט ווי צוויי, איז פונדעסטוועגן דארף ער דאס טאן, און אויך - "רוח חכמים נוחה הימנו".

דערנאך זאגט די משנה נאך א גרעסערן חידוש, אז אע"פ אז ס'איז געבליבן מערניט ווי איין ענין וואס "רוח חכמים נוחה הימנו", איז אעפ"כ דארף ער דאס אויך טאן, און דעמאלט איז "רוח חכמים נוחה הימנו".

און אט דא קומט נאך צו דאס וואס ער איז מסיים אין ירושלמי, אין די גמ' אויף די משנה וואס איז אין ירושלמי:

אזוי איז דאך דער דין, אז "מטלטלין נקנין במשיכה", אויב אבער, עס איז ניט געווען קיין משיכה, איז אט דעמאלט קען ער ניט אפגעבן דעם קונה.

אבער דער דין איז (ווי ס'איז אויך משמע פון פשטות המשנה), אז ווען דארף ער אומקערן - מצד "רוח חכמים נוחה הימנו", דאס איז אויב ס'איז עפעס געווען, עכ"פ נתינת מעות, ער האט געגעבן די געלט - אבער די געלט באווארנט נאך ניט דעם קנין גמור - אויף דעם דארף ער האבן ווי די משנה זאגט - "נקנין במשיכה", אבער דא איז געווען מערניט ווי געלט.

זאגט ער אין ירושלמי, אז רב האט געזאגט לבני ביתו, אז בשעת ער וועט זאגן איינעם אז ער וועט אים געבן א מתנה, איז אט דעמאלט וועט ער קיינמאל ניט האבן חרטה, אפילו אויב ס'איז געווען דברים אליין.

וואס אט די שייכות וואס די מטלטלין באקומען מיט דעם מקבל המתנה, אדער מיט דעם קונה, איז דאס נאך א קלענער ווי די שייכות ע"פ המשנה וואס דעמאלט דארף זיין עכ"פ נתינת מעות וואס דער קונה האט אפגעגעבן דעם מוכר.

און די מסכתא איז מסיים, אז מדין תורה, מצד דעם דין פון "רוח חכמים נוחה הימנו", איז דעמאלט דארף ער ניט אפגעבן, ווייל דאס איז געווען דברים בעלמא.

משא"כ אבער, ווי ער איז מסיים די מסכתא, למדת חסידות - דערמיט ענדיקט ער זיך אין ירושלמי - דארף ער אפגעבן אע"פ וואס דאס איז געווען דברים אליין.

און דאס הענגט אפ אויך אין די צוויי פירושים אויף "הין צדק ואיפת צדק יהי' לך", טייטשן דאך אויף דעם חז"ל, אז דאס איז "הין צדק, הן שלך צדק", איז אויף דעם דא צוויי פירושים: איין פירוש איז, ווי ער ברייגנט אראפ אין בבלי, אז "הן שלך", אז בשעת ער זאגט דארף ניט זיין "אחד בפה ואחד בלב", ער דארף דאס מיינען, אבער אויב נאך דעם איז געווען בא אים עפעס א שינוי - איז ער ניט געבונדן.

מצד מדת חסידות, טייטש מען דעם פסוק, אז "הן שלך" כפשוטו, ער דארף זיין אן עומד בדיבורו, אז אויב ער האט געזאגט "הן", ער וועט אים פארקויפן, ער וועט אים געבן א מתנה, איז אע"פ וואס ער האט נאך ניט באקומען קיין מעות, און בינתיים איז עלה השער - איז אעפ"כ דארף ער זיין עומד בדיבורו, און מ'פארבינדט דאס ניט נאר מיט מדת חסידות אין תושבע"פ, נאר מיטן פירוש אין פסוק, וואס אפילו לויט דעם בבלי, איז דאס אויך דער ערשטער פירוש אין פסוק, די קס"ד אין בבלי איז אז "הן שלך צדק", אז ער וועט זיין דערנאך אן עומד בדיבורו.

וואס אט דא קומט צו - אין דעם דריטן פאל גופא, וואס דא איז דא מערניט ווי א סיבה אויף "רוח חכמים נוחה הימנו", מערניט ווי אין די שייכות פון די מטלטלין מיט דעם קונה, איז אין דערויף גופא דא צוויי דרגות - ווי דאס איז אין משנה, און דערנאך ווי דאס קומט אראפ אין א דרגא נוספת, אין די גמ' על המשנה, אין א "מדת חסידות".

און דערנאך ענדיקט מען דערמיט אפ מס' שביעית, וואס ע"ד האגדה איז דאך דער פירוש הפשוט אין חומש בנוגע צו שביעית - אז דאס איז א שנה וואס איז א "שבת

לה'", און ווי רש"י טייטש דאס אפ, אז דאס איז פונקט ווי די קדושה פון שבת בראשית.

איז אט דעמאלט פארשטאנדיק, אז מ'דארף זיך פירן מיט א מדת חסידות, ווי חסידו של עולם, ווי צדיקו של עולם - ווי דער אויבערשטער.

און אט דעמאלט גיט אויך דער אויבערשטער כל הענינים - אויך מיט מדת חסידות, ניט מ'רעכנט זיך ווי ס'דארף זיין ע"פ דין תורה, נאר ער פירט זיך "לפנים משורת הדין", ביז אין א מדת חסידות, אז מ'באקומט א חתימה וגמר חתימה טובה על כל השנה כולה, ניט קוקנדיק אויף וואס ס'איז געווען ביז דעמאלט, און מ'האט דאס "מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה", כולל די נקודה וענין עיקרי - אז מ'וועט קענען מקיים זיין - "גיבורי כח עושה דברו לשמוע בקול דברו" - ווי ער טייטשט דאס אפ אין מדרש, אז דאס גייט אויף "שומרי שביעית" - כפשוטו, ומן התורה, ובארצנו הקדושה, ומתוך שמחה וטוב לבב בגאולה האמיתית והשלימה און ניט אפלייגן דאס אויף שפעטער, נאר - בשנה זו עצמה.

ג. אויף דעם ענין פון "המחזיר חוב בשביעית", איז דא צוויי באזונדערע משניות מיט צוויי באזונדערע דינים,

דער ערשטער דין וואס די משנה זאגט איז, אז "המחזיר חוב בשביעית", איז דא א חיוב אויפן מלוה, אז ער דארף זאגן "משמט אני", מערניט וואס דער חיוב איז, אז אעפ"כ וועט יענער זאגן, אבער אעפ"כ - דארף ער ווארטן אויף דעם, דער צווייטער דין - דאס איז דער ענין אויפן לוה, ניט א חיוב, אבער עכ"פ אן ענין פון "רוח חכמים נוחה הימנו", אז ער זאל זיין "המחזיר חוב בשביעית".

וואס דאס איז אויך ע"פ הסדר: פריער זאגט די משנה די דינים וואס מוזן זיין, און דערנאך איז זי ממשיך מיט די ענינים וואס זיינען מערניט א חיוב מצד "רוח חכמים נוחה הימנו", ניט מצד א דין.

ובפרט נאך לויט דעם פירוש וואס דער אלטער רבי נעמט אן, וואס אין דערויף איז דא א פלוגתא אין מפרשי הש"ס און אין פוסקים, אז וואס איז דער ענין וואס מ'דארף זאגן "משמט אני"?

צי דאס איז אן ענין נוסף אין די חיובי שמיטה, וואס מ'לערנט אפ פון פסוק "וזה דבר השמיטה", אדער פארקערט - דער פסוק לערנט א קולא, אז די סברא ראשונה איז, אז פונקט אזוי ווי בא שמיטת קרקעות - טאר מען ניט בארבעטן די פעלד, עד"ז טאר דער מלוה אויך ניט נעמען דעם חוב צוריק - קומט דער פסוק און איז מחדש א קולא, אז "וזה דבר השמיטה" - אז ס'איז גענוג אז ער וועט זאגן אז ער איז משמט.

און ס'איז גענוג - "וזה", ער זאל זאגן מערניט ווי איין מאל, אבער דערנאך - מעג ער נעמען.

דערנאך איז אבער דא א צווייטער פירוש, אז "וזה דבר השמיטה", מיט דעם איז דער פסוק מוסיף א דין חדש אין ענין השמיטה, אז מ'דארף זאגן בדיבור "משמט אני".

וואס בא אנדערע מצוות געפינט מען דאס ניט, דאס איז ניט א מצוה שבדיבור, נאר דאס איז א מצוה פון "שמוט כל בעל משה ידו", אז ער זאל ניט מאנען דעם חוב, איז דער פסוק מוסיף, אז ס'איז דא א מצוה שבדיבור, און די מצוה איז (ווי געזאגט), אז ער דארף זאגן "וזה דבר השמיטה", ער דארף זאגן דעם ענין השמיטה בדיבור.

ועד"ז איז דא די ביידע פירושים בא "וזה דבר הרוצח".

זיך נישט אויף דעם בכלל, משא"כ ווייטער אין ישעי' ערשט דארטן שטעלט זיך רש"י, און ברייננגט דארטן די אלע מפרשים פון האזינו,

- וואס די הסברה אין דעם איז, ווארום ע"ד הפשט דארף מען נישט באווארענען אן ענין וואס דער קינד האט נאך נישט געלערנט, נאר בשעת מען קומט אן דארטן, און דארטן ווערט שווער אויף פריער יעמולט דארף מען מבאר זיין דעם חילוק,

עד"ז אין דעם ענין פון אחד אלף, זעט מען אויך דעם זעלבן כלל וואס אין בחוקתי דערמאנט רש"י גארנישט וועגען האזינו,

עכ"פ עס איז נאך אלץ געבליבן צו פארשטיין די צוויי אויבנדערמאנטע שאלות, סיי ווי שטימט דער חשבון פון אחד אלף ושנים רבבה, און סיי ווי קומט עס אז מדת פורעניות איז א סאך מער ווי אין מדה טובה ?

וכפי שיתבאר לקמן.

* * *

ו. בנוגע די הערות פון טאטן אויף דעם זוהר, איז דא וואס אין היינטיגער פרשה ווערט דארטן אויך געבראכט פון אדרא זוטא, און דארטן ווערט דערציילט בנוגע די הסתלקות פון רשב"י, און ברייננגט דארטן א סך רמזים אויף ל"ג בעומר וואס יעמולט איז געווען זיין הסתלקות,

און דערנאך ברייננגט ער דארטן אז תנא בההוא יומא דר"ש בעא לאסתלקא מן עלמא והוה מסדר מלוי און האט מסדר געווען אז ר' אבא יכתוב און ר' אלעזר ברי ילעי,

שטעלט זיך דער טאטע אויף דעם און איז מבאר אז די דרגא פון ר' אבא איז בינה, וואס דעריבער האט רשב"י אים געהייסען שרייבען ווארום כתיבה איז אין בינה, און ר' אלעזר איז חכמה, דעריבער האט ער אים געהייסען זאגן בפה וואס דאס איז אין חכמה, וואס לויט דעם וועט אויסקומען אז רשב"י איז די דרגא פון דעת,

וכמדובר כמה פעמים אז די הערות האט ער געשריבען מיט א קיצור גדול מצד די קוצר הנייר און טינט, דעריבער האט ער נאר געשריבען די ענינים וואס איז מעגלעך אז מען וואלט זיך אליין נישט געכאפט אויף דעם, אדער אזעלכע ענינים וואס מען וואלט זיכער נישט געכאפט אויף דעם,

וואס דא איז נאך געבליבען צו פארשטיין ווי קומט דאס אז רשב"י וואס איז געווען העכער פון זיי ביידע בפשטות זאל ער זיין גאר ספי' הדעת, און ר' אבא און ר' אלעזר איז חכמה און בינה, דאס איז אינגאנצען נישט פארשטאנדיק ?

וכפי שיתבאר לקמן.

היות וואס היינט איז דער שבת פון דער וואך וואס איז געווען אין אים ששי בתשרי, במילא כאן המקום אויף צו משלים זיין די ענינים וואס מען האט יעמולט אנגעהויבען מבאר זיין, עכ"פ משלים זיין בנוגע דעם הדרן,

וואס יעמולט האט מען גערעדט דעם הדרן אויף מס' שביעית, וואס דארטן איז ער מסיים מיט די דריי בבות, און מען האט מבאר געווען דעם סדר וואס די משנה שטעלט זיי אויס, און די שייכות פון די דריי ענינים, וואס זייער שייכות איז נישט סתם א חיצוניות'דיקע שייכות נאר וויבאלד אלע דריי ריידען וועגן דעם זעלבן ענין, האבן זיי אשייכות אויך בפנימיות עניניהם,

און דאס איז ע"ד ווי דער ראגאטשאווער קאכט זיך אז בכלל אין תורה ווערט יעדער זאך פארנאנדערגעטיילט אויף דריי, (א) דעם פועל וואס טוט דער פעולה, (ב) דער נפעל מיט וועמען ער טוט די פעולה, און דערנאך (ג) איז דא דער עצם פעולה וואס ער טוט, עד"ז האט מען דאס געוואלט פארבינדן מיט דעם ענין פון הלוואה, וואס דארטן איז אויך דא די דריי ענינים, (א) דער מלוה (ב) דער לוה און דערנאך (ג) די געלט מיט וואס זיי טוען די הלואה, און לויט די דריי ענינים גייט דער סדר פון די דריי בבות,

וואס אין דער ערשטע בבא רעדט ער ווענען א מלוה מיט א לוה אז דער לוה גיט צוריק צום מלוה זיינע מעות בשביעית וואס אין דעם פאל האט מען די אלע דריי ענינים, דער מלוה וואס נעמט צוריק די געלט, וואס ער האט געטאן א גוטע זאך מיט דעם וואס ער האט געליען צום לוה און מקיים געווען מיט דער א מצוה און דערנאך איז דא דער לוה וואס ער טוט אויך א גוטע זאך וואס ער קערט אום די געלט ווארום מצד רגש הלב, וואס דער מלוה האט אים געטאן א טובה, ער האט אים געליען, במילא איז ער דער "ברא דשתית מיני", דעריבער איז דא אן ענין וואס דער לוה זאל אומקערן צום מלוה, און דערנאך פארדינט דער לוה מיט דעם וואס ער גיט צוריק צום מלוה די געלט, ווארום עס קאן אמאל זיין וואס ער וועט זיין אין א מצב פון "עשיר בשעת דחקו", וועט ער דארפן נעמען א הלואה, במילא בשעת ער וועט איצטער אומקערן די געלט וועט ער העלפן אז עס זאל נישט זיין דער "תנעול דלת בפני לווין", דעריבער גיט דער לוה די געלט צוריק צום מלוה, דערנאך האט מען דא דעם דריטען ענין, די געלט מיט וואס מען האט דא געטאן די הלואה, און ער טוט אויף דא די גאנצע שעבוד פונעם לוה צום מלוה,

דערנאך איז דא דער צווייטער אופן וואס ער זאגט "הלוה מן הגר" וואס דא איז נאר פראנען צוויי ענינים עס איז דא דער לוה וואס ער וויל צוריק געבען די געלט צום מלוה, און עס איז דא די געלט וואס מיט זיי האט ער געטאן די הלואה ושעבוד, אבער עס פעלט דא דער מלוה ווארום ער איז געשטארבען, איז דא דער חידוש פון דער משנה אז אויך אין אזא פאל, וואס עס איז דא נאר צוויי ענינים אעפ"כ "אם החזיר רוח חכמים נוחה הימנו",

און דערנאך צום סוף אין דער דריטער בבא זאגט מען בנוגע צו מטלטלין וואס מען האט געמאכט מיט זיי נאר משיכה, וואס דארטן איז דא נאר איין ענין, די מטלטלין, די געלט, ווארום דער לוקח איז נישטא, ווארום פאר די משיכה איז ער נישט נתחייב געווארן צום מוכר, און אויך נישט קיין מוכר ווארום זיי האבן גארנישט געטאן, נאר עס איז דא נאר איין זאך - די מטלטלין, און דא איז דער אויפטו, אז אפי' אין אזא פאל זאגט מען אויכעט "רוח חכמים נוחה הימנו", נישט קוקענדיק אויף דעם וואס עס בכלל נישט דא קיין שום חיוב, ביז ווי דער ירושלמי ברייננט אז דאס איז גאר מדת חסידות,

אויף דעם האט מען געפרעגט עטלעכע שאלות, ערשט האט מען געפרעגט ווי איז בכלל שייך צו זאגן אין שביעית דעם דריטן ענין ווענען די געלט, וויבאלד עס איז שביעית און שביעית איז מפקיע דעם גאנצען שעבוד פון די געלט, גייט דא בכלל אראפ דער גאנצער שעבוד ויחס פון דעם געלט פון דעם מלוה און לוה, איז ווי קאן מען דאס איינרעכענען אין דעם דריטן ענין ?

נאר באמת'ן איז דאס קיין שאלה נישט, און מען האט דאס גראדע יעמולט באווארנט, וואס דא ביי שביעית זעט מען אז די תורה דריקט זיך אויס מיטן לשון "לא יגש את רעהו", "שמוט כל בעל משה ידו", אז דאס וואס אין שביעית מאנט מען נישט אויף איינעם פון דעם צווייטען איז דאס נישט קיין ענין וואס די תורה איז מפקיע דעם שעבוד פון די געלט, נאר די תורה זאגט אן אז דער <u>מלוה</u> זאל נישט מאנען פון דעם לוה, ד.ה. ווי מען זאגט עס אין דער ישיבה'שער שפראך אז דאס וואס שביעית איז משמט איז דאס חיוב גברא און נישט קיין חיוב חפצא, אז דער מלוה טאר נישט מאנען, אבער בנוגע דער חפצא זאגט מען אבער אז דער חיוב בלייבט ווי פריער און עס איז

דא בפירוש דער שעבוד פונעם לוה צום מלוה, נאר די תורה הייסט אז דער מלוה טאר נישט מאנען, במילא איז נישט אויסגעהאלטן דאס וואס מען וויל טענה'ן אז אין שביעית ווערט דער שעבוד אויס שעבוד, נאר אדרבה דער שעבוד בלייבט אויף דעם חפצא נאר דער גברא טאר עס נישט מאנען.

ועד"ז די טענה וויבאלד דער מלוה טאר נישט מאנען איז אויף וואס איז חל דער שעבוד ?

דאס איז אויך נישט אויסגעהאלטען, ווארום דער שעבוד איז בפירוש חל נאר דער מלוה טאר נישט מאנען.

וואס לפי זה ווערט פארשטאנדיק דעם עצם ענין ווי מעג דער לוה צוריק צאלען צום מלוה, וויבאלד די תורה זאגט אן "לא יגש את רעהו", איז כשם ווי דער מלוה טאר נישט מאנען פונעם לוה, אזוי זאל דער לוה נישט טארען געבען צום מלוה, איז ווי קומט דאס אז דער לוה מעג געבן צום מלוה ?

ועד"ז ווי מעג דער מלוה נעמען פונעם לוה, און מען זעט נישט אז די משנה זאל דאס בכלל באווארענען, וואס לכאורה אנשטאט דעם באווארענען אז דער מלוה דארף נאר זאגן "משמט אני" און נאך דעם מעג ער נעמען, האט די משנה געדארפט באווארענען פון דעם צווייטען קצה מצד דעם לוה, ווי מעג דער לוה געבען צום מלוה.

נאר פון דעם וואס די משנה דארף באווארענען דעם קצה ווי מעג דער מלוה נעמען און בנוגע דעם לוה איז קיין שאלה נישט אז ער מעג צוריק געבען, איז פון דעם פארשטאנדיק אז דער עצם שעבוד ההלואה בלייבט, די געלט זיינען משועבד צום מלוה, דעריבער מעג דער לוה צוריק געבען צום מלוה די געלט.

און דאס איז דער לשון וואס דער פסוק זאגט "שמוט כל בעל משה ידו", דוקא דער מלוה דארף משמט זיין, משא"כ דער לוה, זאגט ניט די תורה אז ער טאר נישט צוריק געבען, ביז עס איז דא גאר א דיעה אז עס איז נישט נאר א חיוב חפצא אויף די געלט אז מען דארף זיי צוריק געבען, נאר עס איז דא גאר א חיוב גברא אויף דעם לוה אויף צוריק געבען די געלט.

עכ"פ בנוגע די געלט זאגט מען דאך אז דער שעבוד בלייבט ווי פריער, וואס דעריבער בנוגע צו די געלט וואס דער לוה גיט צוריק זאגט מען נישט אז דאס איז מעות מתנה, וואס לכאורה אויב דער שעבוד וואלט אינגאנצען בטל געווארן דארף עס גאר הייסען א מתנה, און דאס גייט בכלל נישט אריין אין דעם גדר פון א לוה וואס צאלט צוריק וואס אויף דעם דארף זיין דער רוח חכמים נוחה הימנו, דאס איז בכלל אן אנדער גדר, און פון דעם וואס די משנה רופט עס מחזיר חוב און ניט נותן מתנה איז פארשטאנדיק אז אויף די געלט ליגט בפירוש דער זעלבער שעבוד.

דערנאך האט מען געפרעגט בנוגע דעם צווייטן פאל ווען מת הגר.

וויבאלד דער תובע איז נישט דא איז ווי פאסט בכלל אויף דעם א ענין פון פריעת חוב, פריעת חוב איז שייך נאר ווען עס איז דא א תובע, אבער ווען דער תובע איז נישט דא איז בכלל נישט דא דער ענין פון פריעת חוב, איז אויף וועמען איז חל דער שעבוד ?

ובאמת איז אויך די שאלה נישט אויסגעהאלטען, ובהקדם וואס מען זעט א דיוק וואס די גמ' זאגט בנוגע צו נכסי הגר אז בשעת א גר שטארבט קנאו השם, וואס איז דער ענין פון דעם ?

נאר דא וויל די גמ' זאגן א חידוש אז מען זאל נישט מיינען בשעת א גר שטארבט יעמולט ווערט אויס ובטל אלע זיינע שעבודים אויף דעם זאגט די גמ', ניין, אז

דער שעבוד בלייבט בפירוש יא, איי ער האט נישט קיין יורש וואס זאל איבער נעמען דער שעבוד, אויף דעם באווארנט די גמ' אז קנאו השם אז דער שעבוד גייט אריבער צום אויבערשטען, במילא איז דא איינער צו וועמען עס איז משועבד.

במילא קומט ארויס פון דעם, אז אדרבה, די משנה דערציילט אונז גאר א חידוש אז עס איז רוח חכמים נוחה הימנו בכלל, וואס באמת'ן וואלט דאס אויך נישט געדארפט זיין, ווארום ער צאלט דאך אפ א נארמאלען חוב ער איז מחוייב אפצאלען דעם חוב ווי אלע חובות ווארום דער חוב האט אויף זיך א תובע און איז משועבד צו אים, נאר די משנה טוט דא אויף א חידוש אז אעפ"כ טוט מען פאר אים אז "רוח חכמים נוחה הימנו".

ועד"ז דאס וואס מען האט געפרעגט בנוגע צו א פקדון:

אויב דארטן איז אויך דער ענין השעבוד, איז באמת'ן דאס איז א בפי' פסוק אין דער תורה אז וכן בנוגע צו א פקדון.... (חסר קצת)

דערנאך איז דא וואס מען האט געפרעגט בנוגע דאס וואס מען האט גערעדט אז בר"ה זאגט מען נישט קיין וידוי, איז דאס ווייל "חדות הוי' היא מעוזכם", ווארום פאר ר"ה האט מען שוין אפגעווישט די אלע עבירות, האט מען געפרעגט ווי שטימט דאס מיט דעם וואס דער אלטער רבי ברייינגט אראפ אין זיין שו"ע דעם טעם וואס מען זאגט נישט וידוי ר"ה איז בכדי מען זאל נישט מעורר זיין דעם צד ההיפך, במילא קומט אויס פון דעם אז עס איז יא דא די מציאות פון חטאים, וואס באמת'ן נאך וואס דארף מען זוכן אין שו"ע, אט אין דעם זעלבן ארט וואס שטייט וועגען חדות הוי' היא מעוזכם, דארטן אליין שטייט דאך אז עס איז נאך אלץ דא דער מציאות פון חטאים ?

נאר באמת'ן איז דאס קיין קשיא נישט, און מען האט דאס גראדע יעמולט נאך שוין באווארנט, וואס אין ר"ה איז דא צוויי ענינים, עס איז דא דער מציאות פון חטא אויך אין ר"ה, דערנאך אבער איז דא דער צד השמחה יעמולט, נאר די שמחה קומט נישט ארויס באופן גלוי נאר ווי ער זאגט "גילו ברעדה" אז די שמחה איז צוגעדעקט, וואס דערפאר איז דא די הוראה פון דעם רבי'ן דער שווער וואס ער האט געהייסן ארייןשטעלן אין סידור צו לכה דודי, אז הגם מען זאגט נישט "בשמחה" אבער מען זאל זאגן "ברנה" וואס דאס איז גילו ברעדה, ד.ה. אז דער גילוי קומט ארויס ברעדה, באהאלטענערהייט, אבער עס איז דא דער ענין השמחה,

במילא קומט אויס פון דעם אז שניהם אמת אז אין ר"ה איז דאביידע קצוות:

פון איין זייט זאגט מען אז עס איז א יום הדין, אן ענין פון "רעדה", און אין דער זעלבער צייט איז דא "גילו" במילא דאס וואס דער אלטער רבי ברייינגט אין שו"ע דעם טעם וואס מען זאגט ניט וידוי בר"ה בכדי מען זאל נישט מעורר זיין דעם צד ההיפך, דאס רעדט ער אין דעם קצה פון ר"ה וואס עס איז א יום הדין, די "רעדה".

אבער בשעת מען רעדט אין דעם צווייטן קצה פון ר"ה וואס יעמולט דארף זיין דער "גילו" במילא מצד דעם פרט זאגט מען אז אין ר"ה איז בכלל נישט דא די מציאות פון א חטא דעריבער דארף זיין דער גילו און מען דארף נישט זאגן קיין וידוי, עד"ז דאס וואס מען געפינט בנוגע די תקיעות אז עס דארף זיין דער "יתודה בלחש", ווי קומט עס בר"ה זאגן וידוי ?

נאר דאס איז מצד דעם פרט פון ר"ה וואס עס איז יום הדין דארף זיין דער וידוי, צוריק אבער זאגט מען אז עס דארף זיין "בלחש" ווארום אין ר"ה איז דא אויך דער צווייטער פרט פון "גילו", במילא האט נישט קיין ארט זאגן וידוי,

ועד"ז געפינט מען אין כמה ענינים אז עס ווערט פאנאנדערגעטיילט אויף צוויי:



הנחה פרטית בלתי מוגה